רבים״, און עס וועלן זיין „בהמות יער״, זיי וועלן די גאולה פון אידן ניט וועלן לײדן, איז פונדעסטוועגן, ניט נאָר „לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם״, נאָר „צפון תני״, אַז צפון אַליין וועט מוזן מסייע זיין צו דער גאולה, און עס וועט זיין דער „ובני ישראל יוצאים ביד רמה — בריש גלי״, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

(משיחת י״ג תמוז תשכ״ב)

# בלק

**א.** אויפן פסוק „כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו״ זאָגן רז״ל [1] „מראש אלו אבות ומגבעות אלו אמהות״.

דער חילוק צווישן אַ פאָטער און אַ מוטער אין שייכות מיט זייער קינד:

דעם פאָטער׳ס שייכות גלוי׳ [*1] — איז די כללות׳דיקע מציאות פון קינד אָן התחלקות אברים; דער ציור הגוף פון ולד מיט אַלע זיינע פרטי אברים — ווערט דורך זיין געפינען זיך ניין חדשים אין בטן האם [2]; און דערפאַר איז אויך נאָך דעם ווי דאָס קינד ווערט געבאָרן, שטייט די מוטער צו אים מיט מער קירוב ווי דער פאָטער, ווייל זי האָט געשאַפן זיינע פרטים. דעריבער זעט מען אויך במוחש, אַז די ליבשאַפט פון אַ קינד איז מער צו דער מוטער ווי צום פאָטער און זיין מורא איז מער פאַר דעם פאָטער [3], ווייל אהבה איז אַ תנועה פון קירוב און יראה — אַ תנועה פון ריחוק.

דער זעלבער חילוק איז אויך צווישן די אבות און אמהות פון כלל ישראל. און דאָס איז אויך דער טעם אויף דעם וואָס ביי „מראש צורים אלו האבות״ זאָגט דער פסוק דעם לשון „אראנו״, וואָס ווייזט אויף אַ זען מרחוק; און ביי „ומגבעות אלו אמהות״ איז דער לשון „אשורנו״, וואָס מיינט אַז דער זען איז בקירוב (דאָס איז אויך וואָס דער תרגום טייטשט דעם וואָרט „אשורנו״: „סכיתה״, דער זעלבער אָפּטייטש ווי פון דעם וואָרט „ותבט״ [4]), און הבטה מיינט דאָך קוקן מיט אַ כוונה און צוגעטראָגנקייט) [5].

**ב.** לידת הולד פון אב ואם, ווי יעדער ענין אין גשמיות, נעמט זיך פון זיין שורש אין רוחניות. מדות ווערן אָנגערופן „תולדות״, ווייל זיי ווערן געבאָרן פון שכל: דער פאַרשטאַנד און התבוננות אין גדולת הוי׳, איז מוליד אהבה צו דעם אויבערשטן און יראה פאַר אים. און דער שכל המוליד גופא ווערט פאַנאַנדערגעטיילט בכלל אין צוויי טיילן: חכמה און בינה. חכמה איז די נקודה פון דעם פאַרשטאַנד, און דעריבער ווערט חכמה

1) במדב״ר פ״כ, יט. תנחומא בלק יב. זח״ג רי, ב.

*1) והא דלובן ממנו עצמות וכו׳ (נדה לא, א) — בא בפועל ונתגלה רק ע״י השהי׳ בבטן האם.

2) תניא פ״ב.

3) ראה קידושין ל, סע״ב (הובא בפירש״י ויקרא יט, ג). וכן הוא גם בנוגע לאב ואם ברוחניות — חכמה ובינה, שמחכמה נולדת (והיא עצמה) יראה, מבינה (והיא עצמה) — אהבה.

4) בראשית יט, כו.

5) ראה פירש״י במדבר כא, ח. ולפעמים מבואר דאשורנו (הבטה) — מרחוק וראי׳ — מקרוב — ושתי הדעות באיכ״ר רפ״ה. וראה ד״ה כי מראש צורים — להצ״צ (אוה״ת בלק ע׳ תתקיד).

אנגערופן „אב״, און בינה איז ווי דער פאַרשטאַנד קומט אין פרטים, און דעריבער ווערט בינה אָנגערופן „אם״ [6].

די כוחות פון דער נשמה נעמען זיך פון די עשר ספירות שלמעלה [7], איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז אויך אין די עשר ספירות איז דער זעלבער סדר ווי אין די כוחות הנפש (וויבאַלד אַז זיי נעמען זיך פון די עשר ספירות שלמעלה).

פונקט ווי די כוחות הנפש ווערן געטיילט אין צוויי סוגים: שכל און מדות, און די מדות ווערן געבאָרן פון דעם שכל, אַזוי איז אויך למעלה [8], אַז די מדות — וואָס מיט זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן די עולמות [9] — ווערן געבאָרן פון חכמה און בינה. חכמה איז דער „פאָטער״ פון די מדות; חכמה שטייט בריחוק פון די מדות און אַודאַי פון די עולמות וועלכע ווערן געשאַפן פון זיי; און בינה איז די „מוטער״, וואָס שטייט בקירוב צו די מדות און אויך צו די עולמות וועלכע ווערן געשאַפן פון זיי.

דאָס מיינט, אַז בינה, ווייל זי איז אַ נאָענטער מקור צו מדות, שורש הנבראים, פאַרנעמט וועלט אין איר אַן אָרט, און דאָס וואָס בינה טוט אויף אַז אין וועלט זאָל זיך הערן ג־טלעכ־קייט, ברענגט נאָר צו ביטול היש, מה־שאין־כן חכמה, וואָס זי איז לגמרי העכער פון מדות, פאַרנעמט דאָרט וועלט קיין אָרט ניט; מצד חכמה הערט זיך אָן אַז „הוא לבדו הוא ואין זולתו״ [10], וואָס דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָרט חכמה — כח מ״ה [11], ביטול במציאות.

ג. די אבות און אמהות זיינען דאָך אבות און אמהות פון יעדער אידן, ד.ה. אַז די אבות און אמהות האָבן מוריש געווען זייערע ענינים צו יעדער אידן [12], און יעדער איד פאַרמאָגט די צוויי ענינים: פון די אבות האָט ער בחינת החכמה, דעם כח אויף ביטול במציאות און יחודא עילאה, און פון די אמהות — בחינת הבינה, דעם כח אויף ביטול היש און יחודא תתאה.

און ווייל דער תכלית הכוונה איז

---

6) תניא פ״ג. ביאוה״ז בלק קג, ב.

7) תניא פ״ג.

8) וגם בזה כחות הנפש דומות להספירות, כי המוחין הן לעצמו והמדות — לזולתו.

9) שלכן נקראין שבעת ימי הבנין.

10) תניא פל״ה בהגהה.

11) ת״ז (הקדמה ד, א ובכ״מ). תניא פ״ג ופי״ח.

12) שלכן אין קוראין אבות אלא לשלשה (ברכות טז, ב) כי בחי׳ השבטים יש לך אדם שאין בו כלל בחי׳ ומדריגות אלו משא״כ בחי׳ האבות (וכן האמהות) צריך להיות בכל אדם (תו״א וארא נה, א).

ועפי״ז יובן מ״ש הראשונים (ראה ריטב״א יבמות מו, א) דהא דאין קוראין אבות אלא לשלשה ואין קוראין אמהות אלא לארבעה הוא בענין תפלה דוקא (דלכאורה, מכיון שגם את אחרים (לבד אברהם וכו׳ שרה וכו׳) מתארים חז״ל (יבמות שם) בהתואר אבות ואמהות, הרי מוכח שגם בהם ישנה המעלה דאבות ואמהות, וא״כ מדוע בתפלה אסור לקוראם אבות ואמהות) — לפי שהתואר אבות ואמהות מורה שעניננם ישנם בכל אחד מישראל, ולכן, בנוגע לענין פרטי אפשר לקרוא גם את אחרים בשם אבות ואמהות, באם ענין זה ישנו בכל אחד מישראל (וכמו הגירות של יוצאי מצרים, שבגמרא שם, שע״י גירות זו, כל יוצאי חלציהם הם בכלל ישראל. וכן בכללות הענין דיציאת מצרים נקראים אבותינו, כי „אילו לא הוציא הקב״ה את אבותינו ממצרים, הרי אנו כו׳ משועבדים כו׳ ״). משא״כ בתפלה — מלשון נפתולי נפתלתי — התקשרות כללית דישראל בהקב״ה, מוכרח להיות בכל אחד הבחינות של השלשה אבות וארבעה אמהות, ורק בחינות אלו (משיחת ליל ב׳ דחג הפסח תשכ״ג).

דאָך דירה בתחתונים און ניט דוקא צו זיין אָפּגעטראָגן פון וועלט, נאָר מאַכן פון וועלט גופא אַ כלי צו אלקות, דעריבער (הגם בינה איז מקבל פון חכמה) איז דאָ אַ מעלה אין די אמהות אויף די אבות, וואָס דערפאַר שטייט: „כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה"[13].

און די עבודה אין די ביידע אופנים, יחודא עילאה און יחודא תתאה, וואָס קומט פון „ראש צורים" און פון „גבעות", גיט דעם כח[14]) עס זאָל זיין „הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב" (דער אויספיר פון דעם פסוק „כי מראש גו'"), אַז אויך זייענדיק אין גלות ווערן די אידן ניט פאַרלאָרן ח"ו צווישן די אומות העולם; ואדרבה, דורכן גלות וועלן די אידן צוקומען צו נאָך אַ העכערן עילוי ווי פריער, ווי דער תרגום זאָגט אויף דעם פסוק: „עתידין דיחסנון עלמא", אין דער גאולה העתידה על ידי משיח צדקנו, בקרוב ממש.

ד. יעדער אידישע הויז איז אַ וועלט פאַר זיך, און אין יעדער אידי־שער הויז איז פאַראַן דער גאַנצער ציור פון די עשר ספירות[15]). און פונקט ווי אין די ספירות שלמעלה און אין כוחות הנפש, איז פאַראַן אַ מעלה אין בינה אויף חכמה — הגם בינה איז מקבל פון חכמה — אַז דוקא דורך איר איז די הנהגת המדות — זי איז משפיע צו די מדות וואָס זי איז מקבל פון חכמה, — אַזוי איז אויך אין אב ואם שבכל בית ישראלי:

די פרוי דאַרף טאַקע הערן פון איר מאַן און אויספאָלגן זיינע הוראות, ווי די חז"ל זאָגן[16]), „איזוהי אשה כשרה כל שעושה רצון בעלה", אָבער — אַן איר הענגט עס אָפּ, אַז די הוראות — בנוגע חינוך הבנים והבנות על יסודי התורה והמצוה; הכנסת אורחים; נתינת צדקה בריבוי, א.ז.וו. זאָלן דורכגעפירט ווערן בפועל.

דער מאַן איז דאָך דעם גרעסטן טייל פון טאָג ניט אין הויז, צי ער איז פאַרנומען אין תורה ותפלה, אָדער ער איז פאַרנומען אין עניני פרנסה — דאַרף די אשה כשרה זיין „עושה (אַראָפּטראָגן אין עשי') רצון בעלה", אַז דער רצון זאָל אַראָפּקומען אין אַ פועל ממש.

אויך איז לפעמים די פליכט פון דער „אשה כשרה" צו מאַכן[17]) „רצון בעלה": ווען איר מאַן איז פאַריאָגט אין זיינע טרדות און ביי אים פעלט דער רצון צו דעם וואָס מען דאַרף, מוז די אשה כשרה, בדרכי נועם ובדרכי שלום, מאַכן — און מגלה זיין — זיין אינערליכן רצון, וואָס יעדער איד וויל דאָך לעשות רצון קונו[18]).

און אַז איש ואשה „זכו (איז) שכינה ביניהן"[19]), אַז דאָס הויז פירט זיך

---

13) סיבת מעלת האמהות על האבות מבואר בלקו"ת שה"ש (טו, ג) לפי שהאבות הטעימן מעין עוה"ב ולעתיד כתיב ונקבה תסובב גבר. — והו"ע אחד עם המבואר בפנים, כי עיקר הענין דדירה בתחתונים ומעלת התחתון — יתגלה לעתיד.

14) ראה פירש"י שם.

15) וכמבואר בכתבי האריז"ל (ליקוטי הש"ס ליבמות) הטעם שמצות פו"ר היא בן ובת לפי שעי"ז נעשה הציור של הד' אותיות דשם הוי' (הרומזים להע"ס): אב — יו"ד (חכמה), אם — ה"א ראשונה (בינה), בן — וא"ו (ז"א), ובת — ה"א אחרונה (מלכות).

16) תדא"ר פ"ט (בשינוי לשון).

17) ועי"ד המבואר בפי' הל' עושי רצונו (לקו"ת אמור לב, ד. ובכ"מ).

18) רמב"ם הל' גירושין ספ"ב.

19) סוטה יז, א.

אויף אַזאַ אופן אַז זי איז אַ מקדש (מעט), אויף וועמען דער אויבערשטער זאָגט „ושכנתי בתוכם"; און וויבאַלד אַז שכינה שרוי' איז דאָך „לא יגורך רע", אַז עס ווערט נמשך נאָר טוב, בטוב הנראה והנגלה, בבני חיי ומזוני וכולם — רויחי.

(ממאמר ושיחת י"ג תמוז תשכ"ב)

# פנחס

א. אין אָנהויב פון פרשת פנחס דערציילט די תורה אַז דער אויבער־שטער האָט געזאָגט, אַז „פנחס בן אלעזר וגו' השיב את חמתי גו' בקנאו את קנאתי וגו'", און דערפאַר: „הנני נותן לו את בריתי שלום", און דער אויבערשטער האָט געגעבן „כהונת עולם" אים און זיינע קינדער נאָך אים. הגם אַז כהונה איז שוין פון פריער געגעבן געוואָרן לזרעו של אהרן, איז עס נאָר געגעבן געוואָרן צו אהרן און זיינע קינדער וואָס זיינען נמשח גע־וואָרן מיט אים און אַזוי אויך זייערע קינדער וואָס זיי האָבן געהאַט נאָך דער משיחה; פנחס איז אָבער געבוירן געוואָרן פריער און איז אויך ניט געזאַלבט געוואָרן, דערפאַר איז ער ניט געקומען צו כהונה ביז ער האָט גע־הרג'עט זמרי'ן [1].

דאַרף מען פאַרשטיין: פאַר עבודה גיט מען שכר, און וואָס די עבודה איז גרעסער און העכער, איז אַלץ גרעסער איר שכר; אָבער כהונה איז דאָך ניט קיין ענין פון שכר, נאָר זי איז אַ זאַך וואָס געהערט צו „טבע", טבע אהרן ובניו. בשעת דער אויבערשטער האָט געהייסן מושח זיין את אהרן ובניו, האָט ער זיי דאַן אָפּגעטיילט פון אַלע אידן און זיי געהייליקט, ווי עס שטייט: „ויבדל אהרן להקדישו קודש קדשים הוא ובניו עד עולם" [2], אַז זיי און אַלע יוצאי חלציהם זאָלן זיין כהנים, אָבער די וואָס שטאַמען אָפּ ניט פון אהרן ובניו שנמשחו, דאַרף קיין עבודה ניט העלפן צו ווערן כהנים. ד.ה. אַז כהונה איז אַ זאַך וואָס דער אויבער־שטער האָט זי אַריינגעגעבן ווי אַ טבע אין דער בריאה, אַז אהרן ובניו זיינען — בטבעם קדוש.

— ווי רש"י זאָגט [3] בנוגע צו כהונה, אַז פונקט ווי מען קען ניט מְהפך זיין בוקר צו ערב, אַז דורך קיינע פעולות קען מען ניט פאַרוואַנדלען טאָג אין נאַכט, ווייל אַזוי זיינען די „גבולות" פון וועלט, טבע הבריאה, אַזוי קען מען ניט מבטל זיין כהונת אהרן „שנאמר ויהי ערב ויהי בוקר ויבדל כך ויבדל אהרן להקדישו וגו'" —

איז דאָך ניט מובן, וויבאַלד אַז מצד עצמו איז פנחס ניט געווען קיין כהן, איז ווי האָט ער געקראָגן כהונה דורך זיין עבודה פון „בקנאו את קנאתי וגו'", „תחת אשר קנא לאלקיו וגו'"?

ב. נאָך דעם ווי די תורה פאַר־ענדיקט דעם סיפור וועגן פנחס'ן און די ענינים וואָס זיינען דערמיט געווען פאַרבונדן און דערפון אַרויסגעקומען (דער אָנזאָג אויף מלחמת מדין און דאָס ציילן די אידן, וואָס איז געקומען

---

1) זבחים קא, ב. רש"י ר"פ פנחס.

2) דברי הימים א כג, יג.

3) במדבר טז, ה (מבמדב"ר שם).